בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישְׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קי"ד

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת חקת
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### אַ שְׁפִּיל פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם

טַייעֶרע טַייעֶרע מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים. אַשְׁרֵיכֶם; וואוּיל אִיז עֶנְקֶער חֵלֶק אַז עֶטְץ קֶענְטְס זַיין מְלַמְּדִים, עֶטְץ קֶענְטְס זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה אוּן אֱמוּנָה, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען אוֹיף אַ מְלַמֵּד מוֹרָא'דִיג מוֹרָא'דִיג שֵׁיין, אוּן מוֹרָא'דִיג מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב. מִיר הָאבְּן שׁוֹין כַּמָּה פְּעָמִים נָאכְגֶעזָאגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם - דֶער יֵצֶר הָרָע, צִיטֶערְט אַזוֹי שְׁטַארְק פוּן מְלַמְּדִים דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גַאנְצֶע שְׁפִּיל אַז מְלַמֵּד זָאל אוֹיסְקוּקְן וִוי עֶפֶּעס אַ 'פִּיפְּטֶע רָאד', וָוער קוּקְט אַרוֹיף אַ מְלַמֵּד? פַּארְקֶערְט, אַלֶע זָאגְן מִיט שְׁפֶּעט **"עֶר אִיז אַ מְלַמֵּד..."** אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד פוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאכְן.

אַ מְלַמֵּד טְרָאגְט דֶעם זֶעלְבְּן טִיטְל וִוי דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער, וִוי מֶען זָאגְט בַּיי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה: **"בָּרוּךְ אַתָּה ה', 'הַמְלַמֵּד תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל"**, אוֹיךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (נְדָרִים לז.) "מָה אֲנִי בְּחִנָּם אַף אַתֶּם נַמִּי בְּחִנָּם", אַז מְלַמְּדִים דַארְפְן לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

### דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים

בַּיים הַיינְטִיגְן שִׁיעוּר וִויל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן דִי מְלַמְּדִים אַ נְקוּדָה; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאכְן וָואס צוּ בֶּעטְן, אִיךְ רֶעד פוּן אַלְטֶע זַאכְן, אָבֶּער אִיךְ וִויל עֶס אוֹיפְפְרִישְׁן.

אִיךְ וִויל אוּן אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים, מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל, אַלֶע אַלֶע מְלַמְּדִים בְּלִי יוֹצֵא מִן הַכְּלָל, מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער 'מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים'.

אַנְשְׁטָאט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער טְשַׁאדֶעלְעֶ בַּאדֶעלְעֶ מַעֲשִׂיּוֹת, וִוי דֶער מַעֲשֶׂה פוּן 'שְׁלֹשָׁה אַחִים', וָואס טְרָאגְט אַוֶועק דִי קִינְדֶער אִין אַ וַוייטֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם, אַז הֶענְט אוּן פִיס זָאל זֵיי צִיטֶערְן אַ גַאנְצְן טָאג, דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; פוּן דִי הֵיילִיגֶע נְבִיאִים, פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, פוּן דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי מַיינֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן 'שְׁלֹשָׁה אַחִים' אַז מֶען קוּקְט אוֹיף דִי לְבָנָה פְּלִיט מֶען אַרוֹיף אוֹיף דִי לְבָנָה... אִיךְ הָאבּ בַּיינַאכְט אַזוֹי גֶעצִיטֶערְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט פוּן שְׁרֶעק; דָאס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער.

### אוֹיסְהֶערְן דִי עֶרְלִיכֶע בַּעֲלֵי מְסַפְּרִים

הַיינְט אִיז דָא אַן אוֹצָר פוּן מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים וָואס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת



פַאר קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דִי סֶערְיֶע פוּן 'שְׁמַע בְּנִי', עֶס דֶערְצֵיילְט שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן גְמָרָא אוּן פוּן צַדִּיקִים; מִיר זֶענֶען אוֹיפְגֶעוואקְסְן מִיט דֶעם, דָאס הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְז אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם. אוּן אַזוֹי זֶענֶען דָא נָאךְ עֶרְלִיכֶע בַּעֲלֵי מְסַפְּרִים וָואס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, אִיז כְּדַאי אוֹיסְצוּהֶערְן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוּן עֶס אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער.

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶועם מֶען הֶערְט אוֹיס, בִּפְרַט אַ מְלַמֵּד דַארְף נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וַוייל עֶר מוּז דָאךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישְׁקֵייט, עֶר מוּז דָאךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אוֹיךְ קֶען נִישְׁט אַ מְלַמֵּד קוּקְן קַיין קְלִיפְּס, אָדֶער אוֹיסְהֶערְן נַייעֶס, אָדֶער אוֹיסְהֶערְן חוֹזֵק אוֹיף אַנְדֶערֶע. אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן מֶער יִרְאַת שָׁמַיִם וִוי סְתָּם אַ מֶענְטְשׁ.

### מַעֲשִׂיּוֹת פוּן חֲזַ"ל

מֶען קֶען נֶעמֶען אַן 'עֵין יַעֲקֹב', אָדֶער דֶער סֵפֶר 'בְּדַרְכֵי אֲבוֹתֵינוּ' וָואס בְּרֶענְגְט אַרָאפּ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן חֲזַ"ל אִין אִידִישׁ, אוּן זִיךְ פַּארְקוּקְן מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים. צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי מַעֲשֶׂה פוּן הִלֵּל הַזָּקֵן, וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיפְן דָאךְ (יוֹמָא לה:); וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַזַא מַעֲשֶׂה טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ: 'וַואוּ, אִיךְ וִויל אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה'!

אָדֶער דִי מַעֲשֶׂה פוּן הִלֵּל הַזָּקֵן,

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

וִוי עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זִיךְ נִשְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן, אוּן אֵיינֶער הָאט אִים פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּרֶעגְן מִיטְן אוֹיסְפְּרֶעגְן נַארִישֶׁע שְׁאֵלוֹת (שַׁבָּת ל:), וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַזַא מַעֲשֶׂה טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ: 'אִיךְ גֵיי זִיךְ אוֹיךְ נִשְׁט אוֹיפְרֶעגְן!'

דֶערְצֵיילְט זֵיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, וִוי זַיין טָאכְטֶער הָאט גֶעוֵויינְט אַז זִי הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי שַׁבָּת לֶעכְט 'עֶסִיג' אַנְשְׁטָאט 'אוֹיל', הָאט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אִיר גֶעזָאגְט: **"דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער וָואס מַאכְט אַז אוֹיל זָאל בְּרֶענֶען - קֶען אוֹיךְ מַאכְן אַז עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען"**, אוּן דִי לֶעכְט הָאבְּן טַאקֶע גֶעבְּרֶענְט גַאנְץ שַׁבָּת, אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט מֶען אָנְגֶעצִינְדְן דִי הַבְדָלָה לִיכְט פוּן דֶעם (תַּעֲנִית כה.).

## אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מַעֲשִׂיוֹת 'אֱמוּנַת חֲכָמִים'

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶעס, אוּן לֵייגְטְס דֶערְבֵּיי אַרַיין 'אֱמוּנַת חֲכָמִים'. דֶערְצֵיילְטְס זֵיי: **"עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פָּרִיץ וָואס הָאט גֶעסְטְרַאשֶׁעט אַז עֶר גֵייט הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער, אָדֶער עֶר גֵייט לֵייגְן דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער אִין תְּפִיסָה, מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִיק, דֶער צַדִיק הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אוּן דֶער פָּרִיץ הָאט בַּאפְרֵייט דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער"**.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

מֶען קֶען אֲפִילוּ אַרַיינְלֵייגְן אִינֶעם 'סֵדֶר הַיּוֹם' אַז דִי לֶעצְטֶע פוּפְצְן מִינוּט פוּנֶעם טָאג דֶערְצֵיילְט מֶען 'מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים'. זָאגְטְס שׁוֹין פַאר דִי קִינְדֶער אִינְמִיטְן טָאג: **"אִיךְ זֶע אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען וואוֹיל, וֶועל אִיךְ בַּאלְד דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה"**, אוּן סוֹף טָאג מַאכְט מֶען צוּ דִי חוּמָשׁ אוּן דִי גְמָרָא, עֶס קוּמְט אַ מַעֲשֶׂה; אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה.

## קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים

אִיךְ הָאבּ עֶנְק שׁוֹין אַמָאל דֶערְצֵיילְט, אִיךְ הָאבּ דָא גֶעטְרָאפְן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אַלְס קִינְד אִין אַ גְרוֹיסֶע חֵדֶר,

## מִלְחָמָה צַייט

עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעהַאט אַ צַייט וָואס עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן אִידִישְׁקֵייט, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אִידִישְׁן וֶועג, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: **"פוּן אַלֶע מַיינֶע יָארְן גֶעדֶענְק אִיךְ 'אֵיין' מְלַמֵד, וָואס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים; אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאר דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים"**.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר אִי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קֶעמְפּ זֶענֶען קְרִיטִישׁ וִויכְטִיגֶע וָואכְן פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קֶעמְפּ זֶענֶען קְרִיטִישׁ וִויכְטִיגֶע וָואכְן פַאר דִי קִינְדֶער בִּכְלַל אוּן בַּאזוּנְדֶער פַאר דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וָואס זֶענֶען נִשְׁט מְסוּדָר. אִין דִי וָואכְן קֶען מֶען אַסַאךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי, בַּיים שְׁלָאפְן גֵיין אוּן בַּיים עֶסְן, בַּיים שְׁפִּילְן אוּן בַּיים שְׁלָאפְן; מֶען קֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן זֵייעֶרֶע מִדוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן סַיְיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן קִינְד, עֶס זָאל דִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג.

גֵיי שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער; בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר יֶעדְן תַּלְמִיד.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת פנחס תשפ"ב)

## וֶועלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת אִיז גוּט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים פַאר קִינְדֶער, סְפֶּעצִיֶעל אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען קֶען נָאכְמַאכְן. אִיךְ וִויל אָבֶּער וִויסְן וואוּ מֶען קֶען טְרֶעפְן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַעֲשִׂיוֹת פַאר קִינְדֶער. אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז דָא אַ שֶׁפַע פוּן מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ; עֶס אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים צַאמְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן גְמָרוֹת וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט. אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה טֶעיפְּס וִוי עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שֵׁיין דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט; וֶוען מֶען לֵיינְט דָאס אוּן מֶען הֶערְט דָאס וֶוערְט מֶען זֵייעֶר

נִתְעוֹרֵר צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רלה): "דַּע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הַיְנוּ מִמַּה שֶּׁאֵרַע לָהֶם, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעַל יְדֵי זֶה נִטְהָר מַחֲשַׁבְתּוֹ", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; ווַייל ווֶען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן ווֶען עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁוועֶרִיקֵייט, ווֶערְט דֶער מֹחַ רֵיין פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי ווֶעלְט', מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישׁ, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֹחַ ווֶערְט אוֹיסְגֶעקְלַארְט. אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען הִתְחַזְּקוּת פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט.

דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", ווַייל ווֶען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק ווֶערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ ווֶערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּרְכְדֶעם ווָאס מֶען זֶעט צוּ ווָאס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעווֶען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווָאס מֶען גֶעבְּט פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן; לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ טֶעיפְּס פוּן לֵיצָנוּת בְּאִיצְטְלָא דְרַבָּנָן. עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ הֵיימִישֶׁע מַעֲשֶׂה וְכוּ' אָבֶּער עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט סַם הַמָּוֶת; אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת פוּן יֶעדְן מִנְהָג אוּן פוּן צַדִּיקִים.

מֶען זֶעט אַז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער (פְּסָחִים קיב:): "אַל תְּדוּרוּ בְּשְׁכֻנְצִיב", אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֻנְצִיב, ווַייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן אִיר ווֶעט ווֶערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי הַארְבּ לֵיצָנוּת אִיז אוּן ווִי ווַייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט, מִיט ווֶעם עֶר חַבֶר'ט זִיךְ אוּן ווָאס פַאר אַ מַעֲשִׂיּוֹת אוּן דְרָשׁוֹת מֶען הֶערְט.

דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוואַקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָמֵן.

...

(עצתו אמונה חלק ד', מכתב רצב)

## ווָאס טוּ אִיךְ אַז נָאךְ אַ בָּחוּר גְלִיטְשְׁט זִיךְ מִיר אַרוֹיס פוּן הַאנְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע חִיזּוּק ווָאס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַייךְ אִיבֶּער מַיינֶע צְווֵיי בָּחוּרִים ווָאס מַאכְן מִיר פְּרַאבְּלֶעמֶען אוּן פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מַיין דְרִיטֶער בָּחוּר, אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר, ווָאס סְטְרַאשֶׁעט מִיר אוֹיךְ צוּ מַאכְן צָרוֹת, אִיךְ גֵיי מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיס הֶעלְפְן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי - פָּרָה, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווֵיין מִיט מִיט דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער; אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"; מִיט תְּפִילָּה קֶען מֶען אַלְסְדִינְג פּוֹעֵל'ן, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן מֶען דַארְף אוֹיסְווַארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה. וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ ווָאס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף. אֲפִילוּ ווֶען עֶר זֶעט נָאךְ נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה - דָאךְ אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיָאֵשׁ.

נֶעם דֶעם סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוּן לֶערְן דוּרְךְ אוֹת בָּנִים; דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, זַיי מְקַיֵּים ווָאס דָארְט שְׁטֵייט ווֶעסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי.

דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ צַעַר גָּדוֹל בָּנִים, יִקְרָא בְּכָל יוֹם מַעֲשֶׂה בְרֵאשִׁית", דֶער ווָאס הָאט צַעַר גָּדוֹל בָּנִים זָאל לֶערְנֶען דִי מַעֲשֶׂה בְּרֵאשִׁית; פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן מִיט אַ תְּמִימוּת ווֶעסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער ווֶעלְן דִיר בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת.

...

(עצתו אמונה חלק ד', מכתב רעג)

## בִּיז ווִיפִיל מֶעג מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דַארְף מֶען צִיטֶערְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער? הֶערְנְדִיג אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אַהֲבָה ווַייל אוֹיבּ נִישְׁט קֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעפַּאסְט אַז ווֶען אִיךְ רֶעד צוּ מַיינֶע גְרוֹיסֶע קִינְדֶער צִיטֶער אִיךְ פוּן זֵיי, אִיךְ הָאבּ אַ פַּחַד אַז זֵיי קֶענֶען אָפְּפָארְן אוּן מַמָּשׁ יֶעדֶעס ווָארְט דַארְף זַיין גֶעמָאסְטְן אוּן גֶעווָאוִיגְן, ווַייל זֵיי קֶענֶען מִיךְ גוּט צוּפִּיקְסְן...

אִיךְ לֵייג בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַרַיין לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶּער דָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ טוּ עֶס מֶער מֵחֲמַת פַּחַד. אוּן ווֶער רֶעדְט ווֶען אִיךְ זֶע אַז מַיין אִינְגְל אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט עֶפֶּעס ווֶער אִיךְ גָאר שְׁטַארְק

דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ וַוייז עֶס חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶער אִיךְ קְלֶער צוּ מִיר: 'רַחְמָנָא לִיצְלָן! אִיךְ לֵייג אֶפְשֶׁר נִישְׁט אַרַיין גֶענוּג לִיבְּשַׁאפְט, עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אָפְּפָארְן אִין גֶעצֵיילְטֶע יָאר'.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז פַאר חוּצְפָּה טָאר מֶען נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוּן מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג. אִיז אָבֶער דִי שְׁאֵלָה: נָאר חוּצְפָּה? וָואס טוּט זִיךְ וֶוען אַ קִינְד פָּאלְגְט זַיין יֵצֶר הָרָע מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס זַיין שֵׂכֶל אִיז נָאכְנִישְׁט מַשִּׂיג פַארְוָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן אִים צוּ זָאגְן קְלָאר: "אִיךְ לָאז דִיר דָאס נִישְׁט טוּן אָן קַיין סִיבָּה! דוּ דַארְפְּסְט מִיר פָּאלְגְן"? בְּקִיצוּר, וָואס אִיז דִי גְבוּל וָואס מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דָאס קִינְד אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן וֶוען מֶען דַארְף וִויסְן אַז חַס וְשָׁלוֹם צוּ פַּיינִיגְן וַוייל עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה?

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הַחָכָם: "מִן הַזְּהִירוּת - שֶׁלֹּא לְהִזָּהֵר"; דוּ זֶע אַרַיין צוּ לֵייגְן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט אִין דַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין מִיט דִיר וְכוּ'. זֶע צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת; דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת בַּיים טִישׁ, שְׁמוּעֶס מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, הֶער אוֹיס זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט וְכוּ', זֶע אַז תּוֹרָה וּמִצְוֹת זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע זַאךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט קַיין וֵויינֶעדִיגֶע זַאךְ.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן נָאכְגֶעבְּן קִינְדֶער וְכוּ'; נָאכְגֶעבְּן אַ קִינְד אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט אִיז נִישְׁט לִיבְּשַׁאפְט, דָאס אִיז אַ שְׁוַואכְקַייט פוּן עֶלְטֶערְן, אַ שְׁוַואכְקַייט פוּן נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן נֵיין. קִינְדֶער וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי אַלֶעס וָואס זֵיי טְרַאכְטְן אוּן אַלֶעס וָואס זֵיי בֶּעטְן וַואקְסְן אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט, וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט'ן לֶעבְּן, וַוייל נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען הָאבְּן אִין לֶעבְּן, אָבֶער וִויבַּאלְד מֶען הָאט זֵיי נָאכְגֶעגֶעבְּן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'חָלוֹמ'ט, זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט, קֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דָאס לֶעבְּן.

דוּ מִישְׁט צוּזַאם הוֹדוּ מִיט כּוּשׁ; אַז אַ קִינְד אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הֵייסְן אִים טוּן זַאכְן וָואס עֶר וִויל נִישְׁט, דָאס הֵייסְט נִישְׁט פַּיינִיגְן; וואוּ קוּמְט אַרַיין מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ', פַארְקֶערְט, אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי וִוילְן, דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דוּ פְרֶעגְסְט.

פַּיינִיגְן מֵיינְט וֶוען עֶלְטֶערְן פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער, מֶען נֶעמְט אַ קִינְד אוּן מֶען רַייסְט אִים אוּנְטֶער; לְמָשָׁל, מֶען וִויל דֶער קִינְד זָאל אוֹיפְרוֹימֶען דִי שְׁטוּבּ, מֶען זֶעט אַז דֶער קִינְד דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן פָּאלְגְן (אַזוֹי וִוי אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער) טָאר מֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען פֶּערְזֶענְלִיךְ: "דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן", "דוּ בִּיסְט אַ פוֹילֶער", וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן. נָאךְ אַ מָשָׁל, אַז עֶלְטֶערְן וִוילְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען וְכוּ', טָאר מֶען נִישְׁט אַרָאפּ רַייסְן דִי קִינְדֶער: "דוּ שְׁלָאךְ", "דוּ עֶקְלְדִיגֶע וְכוּ'" - דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן. עֶלְטֶערְן וָואס טְשֶׁעפֶּען אוּן רַייסְן אַרָאפּ דִי קִינְדֶער, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט נָאר אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, נָאר זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן נֶערְוְוין קְרַאנְקֶע.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט צוּגְלַייכְן אֵיין קִינְד צוּם צְוֵויטְן; מֶען טָאר נִישְׁט פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד: "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי וִוי דֶעם שָׁכֵנְ'ס קִינְד?" "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַזוֹי וִוי יֶענֶעם?" 'וֵוייסְט פַארְוָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין וִוי יֶענֶעם? וַוייל אִיךְ בִּין אִיךְ, אוּן יֶענֶער אִיז יֶענֶער'. דָאס אַלֶעס הֵייסְט פַּיינִיגְן, אָבֶער פַארְלַאנְגֶען פוּן קִינְדֶער צוּ הֶעלְפְן וְכוּ', דָאס דַארְף מֶען טוּן אוּן דָאס הֵייסְט נִישְׁט פַּיינִיגְן.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב קנז)


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876